גליון

# אָמֵן וְאָמֵן

אמר רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כוחו קורעין לו גזר דינו
שבת קיט: זוה"ק ח"ג, כ

אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונין
דברים רבה ז

בגודל מעלת עניית "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" וקדושת בית המדרש | חודש אלול תשפ"ו | גליון ר"ל

**לרגל הילולא קדישא של כ"ק הגה"ק מטאהש זי"ע ביום ז"ך מנ"א**

## לפעול רפואה ולהמשיך חיים לבר ישראל יותר ניקל מלפעול שאר ישועות

השי"ת יעזור שהברכות שאנו מברכים זה לזה "א גוטע וואך, א געזונטע וואך" יתקיימו במילואן, שבני ישראל בכל מקומות מושבותיהם יהיו בריאים וחזקים, והחולים יתרפאו במהרה ברפואה שלימה.

והנה, יש סתירה ידועה בדברי הזוה"ק, בענין מסירת הפתקין שכתבו וחתמו לשנה החדשה. בפרשת צו (ח"ג ל"ב ע"א) איתא, כי הזמן הוא בהושענא רבא. ובפרשת ויחי (ח"א ר"כ ע"א) איתא, דהוא בשמיני עצרת.

ובספרים הק' נלאו ליישב סתירה זו כל אחד לפי דרכו. והרה"ק רבינו מהרי"א מקאמארנא זי"ע כותב על זה בפירושו זוהר חי (ח"ב דף שע"ח), כי כל הגזירות הקבה"ה מוסר ליד בית דין של מעלה לדון ולפסוק עליהן, ודבריהם נגמרים והפתקין שלהם נמסרים בהושענא רבה, מלבד ענין "חיי", זאת לא מסר הקב"ה ליד הבית דין לגמור, כי חיי הוא בידא דמלכא קדישא בלבד, ואפילו אחר פסק בית דין הוא בידא דמלכא להפכו לטובה, וזאת נגמר בשמיני עצרת, כי חיים מושך הקב"ה עצמו ביום שמיני עצרת, עכדה"ק.

נמצא כי לפעול רפואה ולהמשיך חיים לבר ישראל, יותר ניקל מלפעול שאר ישועות, כי זה אינו תלוי ביד בית דין של מעלה, אלא בידא דמלכא קדישה לחוד, ושום מקטרג ומונע אינו יכול לגמור את זאת.

וכדי לפעול רפואה שלימה לחולי בית ישראל, אציעה נא עצתי, שנקבל עלינו כולנו יחד, לתקן את ההזנחה בענין עניית "אמן" ו"אמן יהא שמיה רבא" כי אמרו חז"ל (שבת קי"ט ע"ב) כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה, פרש"י שם, בכל כחו "בכל כוונתו".

לכן נקבל עלינו לכוון על כל פנים הכוונה הפשוטה, דהיינו "אמת הדבר שברכו והודו עתה לה', ויהי רצון שיקוים במהרה", ולכן טרם שהאדם מוציא מפיו מלת "אמן" צריך לכוין ולידע על איזו ברכה והודאה יענה עתה אמן, כדי שיוכל לכוין הכוונה הראויה.

(מתוך ספה"ק עבודת עבודה שיח"ק פרשת יתרו)

אפשר להשיג הגליונות היו"ל מדי חודש בחודשו
718-305-6886 | Umein.Vumein@gmail.com | www.UmeinVumein.org

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי ד"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מריבניץ



# די הייליגע עבודה פונ'ם טאהש'ער רבי'ן זצוק"ל בנוגע "קדושת ביהמ"ד"

**עס איז באקאנט אז דער טאהשער רבי זכותו יגן עלינו איז געווען א נח לבריות, מיט זיין שמייכל צו יעדן איד, זיין סענסעטיוויקייט צו די געפילן פון אן אנדערן איד, מ'האט קיינמאל נישט געהערט פון אים קיין הויעך ווארט, איין איינציג מאל האט מען געזען ווי ער איז יצא מגדרו און פארפירט, און דאס איז געווען אויף די ענין פון "קדושת בית המדרש", און ער פלעגט מעורר זיין אז מ'זאל נישט רעדן קיין שיחת חולין "פון אדון עולם ביז נאך אדון עולם"**

**מען זאל וויסן און מען זאל גדענקען**

## אז די אלע וואס רעדן אינמיטן דאווענען האב איך נישט מיט זיי קיין שייכות!

זיי זענען מינים ואפיקורסים, כופרים באלקי ישראל, זיי זענען פון די יורדי גהנום רח"ל, ווער ווייסט ווער ווייסט צו זיי וועלן נאך האבן א תיקון. זיי פארטרייבן די שכינה פון דעם מקדש מעט, דאס איז ממש חורבן בית המקדש, ווי ווי אויף זיי.

**אין דבר העומד בפני תשובה! מען קען תשובה טון, אבער עס איז נישט אזוי איינפאל, עס איז גארנישט קיין חומרא, און עס איז נישט איבערגעטריבן, וואס איך זאג דאס איז די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכז"ל, ועל ראשם דער אר"י הקדוש, ורב ייבא ועוד וכו'**

(אדמו"ר מטאהש בעל עבודת עבודה זצ"ל בדרשה קודם קבלת שבת שבת שירה תשמ"ז)

**טייערע אידן! אין דעם הייליגן יארצייט ווען איר ווילט צינדן א ליכטל לעילוי נשמתו הטהורה, ווען איר גייט ארויף אויף זיין ציון זיך אויסצובעטן אלס גוטס, ווען איר ווילט לערנען משניות אדער אונטערנעמען א קבלה טובה <u>מאכט זיכער אז דער צדיק האט מיט אייך א שייכות!</u> דורך דעם וואס איר זענט נזהר און אפגעהיטן שלא לדבר בשעת התפילה! <u>ובזכות זה וועט דער צדיק זיין פאר אייך א ריכטיגער מליץ טוב!</u>**

די צווייטע עובדא איז פארגעקומען ביום הפורים אין שנת תשמ"א לפ"ק, ביים שלחן הטהור "משתה היין", דער רבי איז דאן געזעצן מיט א געוואלדיגע דביקות. מען האט מעורר רחמים געווען פאר ישועות בכלליות ופרטיות, און עס האט געהערשט א גרויס התעוררות אין ביהמ"ד. בשעת'ן גראמען די חרוזים, איז געווען גרויסע בכיות, און ס'איז געווען קענטיג אויף די הייליגע צורה אז עס האט דעם רבי'ן זייער אדורכגענומען און ס'פלאמט ביי אים אינעווייניג אין הארץ.

פלוצלינג גיבט דער הייליגער רבי ז"ל א פרעג פונ'ם עולם: **"עטס ווילטס א ישועה"?!...**

דער ציבור איז געווארן מורא'דיג נתרגש, מען האט זיך פשוט נישט געראכטן אויף אזא שאלה, און קיינער האט גארנישט געענטפערט מחמת אימה ופחד.

דער הייליגער רבי ז"ל האט נאכאמאל איבערגעפרעגט די שאלה, און דאסמאל מיט גרויסע כוחות בקול גדול: **"עטס ווילטס א ישועה?!"**

די זקני החסידים וועלכע זענען געזעצן ביים טיש (הר"ר שמואל מאיר ל. ע"ה, ר' חיים זאב מ. ע"ה, ועוד) האבן אנגעהויבן צו ענטפערן: **"יא!"**, און דער גאנצער ציבור האט נאכגעזאגט **"יא, יא!"**

האט דער צדיק אויף דעם געענטפערט מיט א געוואלדיגער התלהבות: **"רעדט'ס נישט ביים דאווענען! און נישט נאר ביים אייגענעם מנין, נאר אויב יעצט דאווענט מען דארט, זאל מען אויך נישט רעדן, וועט די שכינה הקדושה אונז געבן אלע ישועות!"** (מפי א' מזקני החסידים הי"ו)

**לעילוי נשמת רבן ומאורן של ישראל רבי משולם פייש בן רבי מרדכי ובן מרת צירל זי"ע - לרגל היארצייט ז"ך אב**